# ר׳ נחמן בראַצלעווער

## אַ מעשׂה מיט אַ הענגלײַכטער

איינער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון זײַן פֿאָטער און איז געווען אין אַנדערע מדינות פֿיל טעג. ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן בײַ פֿרעמדע.

אין אַ צײַט אַרום איז ער געקומען צום פֿאָטער זײַנעם און האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט דאָרטן זיך אויסגעלערנט אַ גרויסע אומנות, ווי אַזוי צו מאַכן מיט גרויס קונסט אַ הענגלײַכטער. און ער האָט געהייסן, מע זאָל צונויפֿנעמען די אַלע לײַט, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער אומנות פֿון מאַכן הענגלײַכטער, וועט ער זיי ווײַזן די גרויסע חכמה זײַנע אין דער דאָזיקער אומנות.

און ער האָט אַזוי געטאָן, דער פֿאָטער זײַנער. ער האָט צונויפֿגענומען די אַלע, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט דער דאָזיקער אומנות, זיי זאָלן זען די גרויסקייט פֿון זײַן זון, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן אין די דאָזיקע אַלע טעג, וואָס ער איז געווען בײַ אַנדערע אין די הענט. און אַז זיי זײַנען זיך אַלע צונויפֿגעקומען, האָט דער זון אַרויסגענומען אַ מנורה, וואָס ער האָט געמאַכט.

האָט זי זייער מיאוס אויסגעזען אין די אויגן פֿון זיי אַלע.

איז דער פֿאָטער זײַנער געגאַנגען צו זיי אַלעמען און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים אויסזאָגן דעם אמת.

זײַנען זיי גענויט געווען אויסצוזאָגן אים דעם אמת, אַז זי איז זייער מיאוס.

נאָר דער זון האָט זיך געהאַלטן אין איין באַרימען:

– זעט איר, וואָס פֿאַר אַ חכמה עס ליגט אין מײַן אַרבעט!...

האָט אים זײַן פֿאָטער מודיִע געווען , אַז דער הענגלײַכטער זעט גאָר נישט אויס שיין אין זייערע אַלעמענס אויגן.

האָט אים דער זון געענטפֿערט:

–אַדרבא, מיט דעם האָב איך באַוויזן מײַן גרויסקייט. וואָרעם איך האָב געוויזן זײ אַלעמען זייער חסרון. וואָרעם אין דעם דאָזיקן ענגלײַכטער געפֿינען זיך די חסרונות פֿון יעדן איינעם פֿון די בעלי-אומנות, וואָס געפֿינען זיך דאָ. דו זעסט דאָך, אַז בײַ דעם איז מיאוס אָט דער טייל פֿון דעם ענגלײַכטער; אָן אַנדער טייל אָבער זעט בײַ אים אויס זייער שיין. בײַ אַן אַנדערן ווידער איז פֿאַרקערט. אַדרבא, אָט דער טייל, וואָס זעט-אויס מיאוס בײַם חבֿר זײַנעם, איז שיין און וווּנדערלעך אין זײַנע אויגן. נאָר וואָס דען? אָט דער טייל איז מיאוס. און אָט אַזוי איז עס מיט זײ אַלע. דאָס, וואָס עס איז שלעכט אין די אויגן פֿון דעם, איז שיין אין די אויגן פֿון חבֿר זײַנעם. און אַזוי פֿאַרקערט. האָב איך געמאַכט די דאָזיקע מנורה פֿון חסרונות אַליין, כּדי צו ווײַזן זײ אַלעמען, אַז זײ פֿאַרמאָגן קיין שלימות נישט. אַז יעדער איינער האָט אַ חסרון, וואָרעם דאָס, וואָס עס זעט-אויס שיין אין זײַנע אויגן, איז אַ חסרון אין די אויגן פֿון זײַן חבֿר. אין אמתן אָבער קען איך מאַכן דעם ענגלײַכטער ווי געהעריק.

---

די דאָזיקע מעשׂה געפֿינט זיך נישט אין דעם ייִדישן טעקסט. זי איז אויך נישטאָ צווישן די 13 דערציילונגען, פֿון וועלכע *סיפּורי-מעשׂיות* באַשטייען. זי קומט גאָר צום סוף, אין די הערות פֿון ר׳ נתן צו דער *מעשׂה פֿון די זיבן בעטלערס*.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון בנימין צדוק, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ
Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved

.